# ראדאמער-קעלצער לעבען


Radom Piątek 22 Listopada 1929

ראדאם, פרייטאג י״ט מרחשון תר״ץ

פרייז 25 גראשען.

Redakcja i Admistracja
**Radom, Szwarlikowska 20.**

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען פרייזן

איין פעלימעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 43 גר.
" " אין " 60 "
" " נאכ׳ן " 25 "
די ערשטע און לעצטע זייט צוויי־טאָלט 3 שפאלטען
אין טעקסט 4 "


---

בברכת מזל-טוב חמה הננו מברכים את בננו היקר
דוד לאירושיו את העלמה
מאליע גאלדפארב
תהי׳ דרכם צלחה בחיים וסוגה בשושנים.
**אברהם יעקב גליקסמאן** ורעיתו.

Malwina Goldfarbówna
Dawid Gliksman
**Zaręczeni**
w Listopadzie 1929 r. Radom.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע טאכטער
מאליע מיט ה׳ דוד גליקמאן
ווינשען מיר מזל ־ ברכה און אייביגע
צופרידענהייט.
**על טערען.**

---

א הארציגען מזל-טוב מיין ליב אייניקעל מאליע
צו איהרע תנאים מיט איהר אויסדערוועהלטען
דוד גליקסמאן
זאל זייער זיווג עולה ליפה זיין און מזל זאל זיי
תמיד בעגלייטען.
באבע יוכבד גאלדפארב. זוואלין.

Z intencji zaręczyn mego brata
DAWIDA w kuzynką MALWINĄ
życzymy różowej przyszłości i harmonji dusz.
**MOJŻESZ GLIKSMAN**
**z narzeczoną.**

Z intencji zaręczyn siostry mojej
**MALWINY** z kuzynem
**DAWIDEM GLIKSMANEM**
serdecznie gratuluję.
*Leon Goldfarb.*

---

Z okazji zaręczyn siostry naszej
**MALWINY** z kuzynem
**DAWIDEM GLIKSMANEM**
życzymy Im wiele szczęścia w przyszłości.
*Fiszek i Beniek.*

את אחולי הלבבים הננו מאחלים לכם צמד נעים
מר דוד גליקסמאן
ומרת מאליע גאלדפארב
ליום באכם בברית האירוסין. תהי׳ דרככם צלחה
ותבנו את ביתכם בארצנו האהובה.
משה קליינמאן עם כלתו.

צו דער פערלאבונג פון מיין שותף
ה׳ דוד גליקסמאן
מיט פרל. מאליע גאלדפארב
ווינשט א גליקליכע צוקונפט.
הערש לאמבערג עם פרוי.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטערן-טאכטער
מאליע גאלדפארב
מיט אונזער קוזין דוד גליקסמאן
ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט.
יאסיל לאמבערג עם פרוי.

אונזער פריינד דוד גליקסמאן
צו זיין פערלאבונג מיט פרל.
מאליע גאלדפארב
ווינשען מיר, אז זייער צוזאמענבונד זאל בעגלייט
ווערען מיט גליק און צופרידענהייט.
שמעריל און נעמי לאמבערג.

צו די פערלאבונג פון אונזער ברודערן-טאכטער
עטקע קאץ
מיט ה׳ בעריל פארשטעטער
ווינשען מיר זיי פיעל גליק
און עוויגע צופרידענהייט.
משה אהרן פרידמאן עם פרוי.

---

צו דער האכצייט פון אונזער פריינד און חבר
שלמה זאלצמאן מיט פרל. גאלדע שערמאן
ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט
גיטעלע וואולאך, יחיאל צוקער,
שבע׳לע שווארץ, משה גוטמאן.

**געניא שערמאן** זוואלין
**שלמה זאלצמאן** ראדאם
# געהייראט
17 ליסטאפאד 1929. ראדאם.

Z intencji zaślubin p.
Geni Szermanówny
z p. Salomonem Zalcmanem
dużo szczęścia, powodzenia w życiu
i dobrobytu życzą:
**Sala, Beniek, Leon, Samuel, Jakób.**

---


ד״ר
# יאקוב גאלדבלום
ספעציאליסט פון אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
נעמט-אן פון 9 ביז 1 נ. מ. און פון 3 ביז 7 אווענד.
## ראדאם, מאניושקי 10
(פריהער קאשציעלנא).

# ראדאם—וואַרשא
פון זונטאג דעם **24/11** הויבט-אן קורסירען **אנ׳אויטאבוס**
מיט נומערירטע געזעסען, בעקוועמע, אויף דער ליניע ראדאם ווארשא.
אבפאהר פון ראדאם — פון ווארשאווסקא 6.15 פריה בינקטליך. אבפאחר
פון ווארשא — 5.30 אווענד פון זאיאזד (גזשיבאווסקי 38).
מיט׳ן זעלבען אויטאבוס ווערט אלעס עדלעדיגט אין בעסטען ארדנונג.
בילעטען קאן מען פריהער בעקומען אין ראדאם ביי בן-ציון אקסענבערג
און פארבען-געשעפט וואהל 3, אדער דינעק 6 ביי ווייצמאן.
מיט אכטונג- **יצחק ווייצמאן.**

**UDZIAŁOWA**
# Spółdzielnia Kredytowa
w RADOMIU, LUBELSKA № 11
**w Podwórzu.**

מאכט בעקאנט, אז עס ווערט אנגענומען **אינקאסעס**
אויף מינימאלע פרייזען
אויף אלע שטעדט פון פוילען.
מ׳גיט ארויס אוואנסען אויף בעקוועמע בעדינגונגען,
פראכטען, דיסקאנטעס און הלוואות.
אלע אינקאסעס ווערען אויסגעצאהלט דעם זעלבען טאג פון איינפליסען.

# דאס מאהל וועט עס נישט אדורכגעהן.

בשעת בעטראכטען דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1929 האט דער קהלה-ראט, אונטער דער ווירקונג פון דעם פרנס מרדכי ליב פישמאן צוזאמען מיט די האנדווערקער-פרנסים, אבגעשטעלט זיך גענוי איבער דער ביטערער, עקאנאמישער לאגע פון די יודישע בעפעלקערונג און בעשלאסען: פון איין זייט בשום אופן ניט צו העכערן קיין שום קהלה-שטייערן. הויפטזעכליך דעם עטאט און פון דער אנדערער זייט ניט צו געבען קיין שום הוספות די קהלה-בעאמטע, בפרט, אז א טייל בעאמטע פונ'ם קהל-שטיבעל בעקומען פשוט מיניסטעריאלע פענסיעס. אזוי צ. ב. בעקומט דער שרייבער ל. דובינליכט אנערך 8000 זל. א יאהר ד. ה. 700 זל. א חודש און די קאסירערין פרוי אביטש אנ'ערך 4000 זל. א יאהר, ד. ה. כמעט 350 זל. א חודש א. ד. גל.

די איניציאטארען האבען זיך אבגעגעבען א דין-וחשבון, אז דערפון וועלען ליידען פיעל בעאמטע, וועלכע האבען נישט קיין קרובים צווישען די דאזארעס און וועלכע געפינען זיך ניט נאהנט פון די קאסע. אזוי צ. ב. דער בעאמטער סלאמענבוים, וועלכער פיהרט אויס פעראנטווארטליכע ארבייט, איז בעשעפטיגט אין די קהלה שוין קנאפע 12 יאהר און איז א מטופל מיט קינדער בעקומט אויף ריין קיום 260 זל. א חודש, די קאסירערס פון די שחט-שטיבלעך—מענשען מיט גרויסע פאמיליעס און שווערע פעראנטווארטליכע ארבייט טיילמאל צו 15—16 שעה אין מעת-לעת— צו 250 זל. א חודש, די מנקרים א. ז. וו. די איניציאטארען האבען אלזא געוואוסט דערפון, אז די דאזיגע ארימע מענשען ליידען אנ'עולה, זיי האבען אבער געברענגט דעם קרבן צוליעב דעם אלגעמיינעם פרינציפ לטובת הכלל:

קיין שום הוספות.

דער דאזיגער בעשלוס האט, פערשטעהט זיך, ניט געשמעקט די עטליכע געלד-פעראינטערעסירטע בעאמטע און אין רעזולטאט האט מען אדורכגעשמוגעלט דורך די פערוואלטונג (וועלכע בעשטעהט אגב אין 50 פראצענט פון פריש-אנגעקומענע און בכלל פון דעזאריענטירטע מענשען) אנ'הוספה געגען דעם ווילען פון ראט ד. ה. פון דעם פאקטישען בעל-הבית פון דער קהלה.

סוף כל סוף איז דער בודזשעט צוועקגעגאנגען אין מיניסטעריום צום בעשטעטיגען מיט א צוגעשטעקט כתיבה'לע פון דער אזוי-גערופענער פערוואלטונג—מיט הוספות.

ס'מיניסטעריום האט ניט גענומען אין אכט די הוספות-בײלאגע פון דער פערוואלטונג און האט בעשטעטיגט דעם בודזשעט כמעט אין דער זעלבער פארם, אין וועלכע ער איז אנגענומען געווארען דורך דעם ראט און מיט דעם, שוין אודאי דאס צעהנטע מאהל, אנערקענט, אז דער פאקטישער בעל-הבית פון דער גמינע איז איינציג און אליין דער קהלה-ראט.

נישט קוקענדיג אבער אויף דעם, וואס ניט דער ראט און ניט ס'מיניסטעריום, אלזא די העכסטע אינסטאנץ פון דער אויפזיכטס-מאכט, האבען ניט בעשטעטיגט קיינע הוספות — איז דאך דער עטאט עפיס אויף א געהיימען אופן געהעכערט געווארען און פון די צווייטע זייט האבען די עטליכע בעאמטע פון קהל-שטיבעל בעקומען פענסיעס מיט הוספות; בכדי אבער ארומצוגעהען די אלע בעשלוסען, האט מען געמאכט אזא קונץ: די נישט-לעגאל אריבערגעצאהלטע געלדער האט מען פארגעשטעלט דער אזוי-גערופענער פערוואלטונג אלס פשוט'ע הלוואות און נאכהער האט מען „אדורכגעגליטשט" א „החלטה", אז די דאזיגע „הלוואות" ווערען זיי געשענקט. אויף אזא אופן וועט צום סוף יאהר די הוספה ניט פיגורירען אויף די קאנטא פון דעם ענטשפרעכענדען בעאמטען, (אויף די דאזיגע קאנטא — דאס הייסט, אפיציעל, וועט פיגורירען די סומע, וועלכע דער ראט האט בעשטעטיגט) — נאר ס'וועט פיגורירען אויף די קאנטא פון „ניט פאראויסגעזעהענע אויסגאבען" וואו פ'וועט Nieprzewidziane wydatki שוין ניט שווער זיין צו פערדעקען עס אזוי, אז קיינער זאל עס ניט קענען געפינען.

ס'איז כדאי צוצוגעבען, אז די אלע קונץ-שטיקלעך ווערען אנגעווענדעט יאהר-יעהרליך, נאר ניט לגבי אלע אנגעשטעלטע ווי: קאסירער'ס, מנקרים, שוהל-בעאמטע א. ז. וו. נאר לגבי די עטליכע פריווילעגירטע שרייבער'ס פון קהל-שטיבעל.

אז מ'וועט נעמען אין בעטראכט, אז אין בעצוג צו פענסיעס פון די דערמאנטע בן-יחידימלעך ווערט דער קהלה-ראט כמעט יעדעס יאהר פשוט אבגענארט, ווי אויך דאס, וואס דער ראט ווערט ניט גערופען צו גאנצע קווארטלען, ווייטער. אז דאס איינציגע, וואס דעם ראט איז געבליבען — איז דאס „מאכען" איינמאל אין יאהר דעם בודזשעט און אויך דאס ווערט פערקריפעלט, פערדרעהט און אבגענארט — מוז מען קאטעגאריש ערקלערען די עטליכע „רעדעל-פיהרער", אז דאס מאהל וועט עס בשום אופן ניט אדורכגעהען און די אלע אריבערגענומענע נישט-לעגאל אויסגעצאהלטע געלדער וועלען, ניט קוקענדיג אויף אלע „פאקוסן", מוזען (דורך וועמען ס'זאל ניט זיין) צוריקגעצאהלט ווערען אין די קאסע אריין.

קהל'ס געלד איז ניט הפקר און דער ראט, וועלכען די יודישע בעפעלקערונג האט אנפערטרויט די רעכט צו פיהרען די קהלה, וועט זיך פון די דאזיגע רעכט ניט אבזאגען, חאטש זיי ווערען אזוי „שעהן פערטיידיגט" דורך דעם פרעזעס פון ראט.

---

מיט מיר און האט מיר איבערגעגעבען צו זיין פלונית'טע זי זאל סילוקן אין קרעמעל פאר ברויט מיט שאר-ירקות. די קרעמערקע ווידער האט נישט געמאכט פון מיר קיין וועזען און מיר גלייך אבגעגעבען צו א פערשמאלצענע יודענע אין א לעדערנעם פערסמאליעוועטען שירץ, וועלכע וואַרט שוין אויף מיר שיינע עטליכע טעג...

אזוי בין איך מגולגל געווארען יעדער טאג פון איינעם צום אנדערען ביז איך בין געקומען צוריק צו מיין „בעשיעצער", וועלכער האט מיר אינגאנצען פערלייקענט און זיך אפילו נישט געלאזט דערקענען... און אפשר האט ער מיר טאקי נישט דערקענט. אזא פנים האב איך שוין געהאט פון אזא לאנגען נע-ונד און „כף הקלע".

צום סוף בין איך אנגעקומען צום רעיענט, אזא ארט, וואס פאר פערבייגעהענדיג פלעגט מיר רויט ווערען דאס פנים פאר בושה... היינט האב איך אבער דארטען געטראפען אסך פון מיינע ברידער „פערשווארצטע" מיט רויטע און „צייכענס" אויף די פנים'ער, פערעלטערטע פאר דער צייט, פער'יתומ'טע, וועמענס טאטעס ווילען נישט וויסען פון זיי, אנדערע ווידער „לעבעדיגע" יתומים, וועלכע ווייסען נעבעך נישט ווער זייערע אמת'ע טאטעס זענען.

אט אזוי איז אונזער גורל געווארען צוגלייך מיט אנדערע יורדים — מלחמה-קרבנות, וועלכע זענען אראבגענידערט געווארען פון זייער גדולה אדאנק דער וועלט-מלחמה.

פ.

Kino „CORSO“ w Radomiu.

פון מאנטאג דעם 25 ה. ח.

וועט דעמאנסטרירט ווערען איינער פון די גרעסטע

פילם שלאגערן

מיט'ן בעריהמטן קינא-טראגיקער גלענצנדער ארטיסט

KONRAD VEIDT

דאס בילד טראגט דעם נאמען

Narzeczona Nr. 68

ŚWIAT BEZ KOBIET

דאס בילד

לאזט איבער מיט זיין אריגינעלען אינהאלט

דעם שטארקסטען איינדרוק אויף די צושויער.

ארקעסטער פון 10 מאן

שפילט די גאנצע צייט.

## א בריעף אין רעדאקציע.

ג. ה' רעדאקטאר!

ערלויבט גיטיגס אבצודרוקען אין אייער וו. צייטונג א פּאר ערנסטע ווערטער.

ווי ס'איז בעקאנט, עגזיסטירט שוין דאס 4-טע יאהר אין ראדאם א פאך-דערגענצונג'ס-שולע, וואס ווערט אויס-געהאלטען דורך דער גמינע.

די גמינע פינאנסירט די פאך-קורסען אבער אין א גרויסער מאס האט די פאך-שולע צו פערדאנקען איהר עגזיסטענץ די גרויסע און שווערע בע-מיהונגען פון לייטער פון די שולע אינזש. ק. לעווי

פון דער מינוט אן, ווען די שולע איז געווארען געגרינדעט האבען די שילער געהאט אויסצושטעהן שווערע צרות פון די מייסטערס. שוין נישט קוקענדיג אויף דעם אלעם האבען מיר דערצויגען ביז צום לעצטען יאהר און ווען מען בעדארף שוין ארויסבעקומען פערענדיגונג'ס - צייגנישען האט מען אונז געלאזט שטעהן אין מיטען וועג,

בלייבענדיג בשוט אין א לאקאל.

שוין 3 מאנאטען פארבייגעלאפען פון נייעם שול-יאהר און די זאך ריהרט זיך נישט פון ארט. א דעלעגאציע פון די שילער איז שוין 5 מאהל געווען וועגען דעם ענין ביים פרעזעס פון דער גמינע, ה' יחיאל פרענקעל, און צוויי מאהל ביים דאזער ה' היים קאר-מאן, זיי האבען אונז אפילו געגעבען א גאנץ גינסטיגען ענטפער, אבער פון דעם ענטפער האט זיך דערווייל גאר-נישט אויסגעלאזט.

דעריבער האבען מיר בעשלאסען זיך צו ווענדען וועגען דעם ענין צו דער עפענטליכקייט. זאל די געזעלשאפט אורטיילען ווי אזוי די גמינע בעציהט זיך צו אזא וויכטיגען ענין.

מיט אכטונג

אין נאמען פון די שילער

פון די דריטע קלאס

**אברהם גוטמאן,**

**מרדכי פאסטערנאק.**


# Kino „ODEON" w Radomiu.

ANONSUJEMY

Największy przebój obecnego sezonu

pod tytułem:

# POD BANDERĄ MIŁOŚCI

ZDJĘĆ DOKONANO:

**W Gdyni, Tczewie, Sopotach, Gdańsku, Sztokholmie na Helu, Jastrzębiej Górze i w Orłowie.**

Udział biorą oficerowie i załoga statków szkolnych „Gdynia" i „Lwów", kadeci szkoły morskiej w Tczewie oraz polska policja morska.

Obsada ról głównych:

**ZBYSZKO SAWAN,**

**Marja Bogda, Jaga Boryta, Tekla Trapszo, Jerzy Marr, Paweł Owerłło i Władysław Walter**

Najulubieńszy komik z Warszawy.

Ilustracja specjalnie powiększonej orkiestry pod dyrekcją

**p. Józefa Szymkiewicza.**

Wszelkie superlatywy dla określenia tego filmu zbyteczne, wypowiedziała się o nim już cała zachwycona Polska.


## ער פארקויפט די ראדאמער לעדער-פאבריקאנטען פעסטער מיט וואסער אלס „עכטע" שוועדישע כעמיקאליען.

### אלס „בּאראן" און „גראף" מוז ער נאכדעם געהן זיצען אלס אינטערנאציאנאלער שווינדלער.

אונזער העלד הייסט ביניש (צי דאס איז זיין ריכטיגער נאמען — דאס וועט ערשט דאס שטראף-געריכט קאנסטא-טירען).

ער איז שוין אויסגעווען א וועלט. נאך צוריק מיט 8 יאהר האט ער גע-הייראט מיט די טאכטער פון מיכל שטיין, א סוחר פון סאנאק און ער האט זיך בעזעצט אין טארנאוו.

ער האט זיך אנגעשלאגען אויפ'ן הויז א מעשען שילדעל: „מעד. ד"ר ביניש" און אנגעהויבען בעהאנדלען קראנקע. דאס האט אבער לאנג נישט געדויערט. ווייל די דארטיגע דאקטוי-רים האבען זיך אנגעהויבען נאכצו-פרעגען אן זיין „דאקטאראט", איז נישט געווען גלאטיג.

ד"ר ביניש האט באלד ארא‌בגענו-מען דעם „דאקטאר" און אויפגעקלאבט א נייע פירמע „כעמיקאליאן" און דא הויבט זיך אן דער האקוס-פאקוס.

ער האט פאבריצירט כעמישע פרע-פאראטען, אזעלכע וואזעלינען פאר לעדער-פאבריקען.

דאס וואלט נאך נישט געווען אזוי אינטערעסאנט, האט ער אבער ארייג-געגאסען אין די פעסער שטויב-אייל מיט וואסער און די סחורה פערקויפט פאר שוועדישע ארגינאל-מארקען, ער האט געמאכט נייע פעסער און זיי אד-יוסטירט מיט שוועדישע פירמען.

ער תאט אויך אבגעסטאט א וויזיט אין ראדאם, אלס אנגעזעהענער צענטר פון דער לעדער-פראדוקציע און צוג-לייך מיט ווארשא, טארנאפאל, אויבער-שלעזיען און אין גאנץ פוילען זיך לע-גיטימירט אלס באראן, אלס גראף, ווי אזוי ס'איז איהם אויסגעקומען בעסער און אויסגענארט געלד.

ער האט פאבריצירט וועקסלען מיט פאלשע אינטערשריפטען, זיך געדונגען א ווילע, זיך איינגעריכטעט פירשטליך און זיך צוגענומען א נעגער אלס פאר-טיער, ארומגעפאהרען מיט לוקסוס-אויטאס און די פרוי זיינע (א פראסט יודיש מיידעל) האט נאך בעקומען די „ליניע" און זיך געשעמט מיט יודען... (אז מ'האט זי אמאל געבעטען, זי זאל אויסבארגען א ברעט צו דער סוכה — האט זי זיך געווארפען ווי אן'אבגע-בריהטע...)

הכלל, די לופט איז געווארען הייס, ער איז אוועק קיין ווין און איבער-געלאזט האט ער דאס ווייב, האט מען זי איינגעזעצט און זי איז געזעסען זעקס חדשים און איז צוריק צום פאטער.

און ווין האט ער זיך געגעבען א נייעם נאמען. אין טארנאוו איז ער געווען א דאקטאר, דארט אין ווין האט ער מיט איינמאל אוועקגעסירט און זיך אויסגעגעבען אלס אוניווערזיטעט-פראפעסאר ד"ר ווארצעל פון רומעניען; ער האט זיך „פערליבט" אין א רייכע טאכטער. ער האט גענומען, דאכט זיך, טויזענדער שילינג און אזוי ווי יענער האט געזעהן, אז ער איז אריינגעפאלען צו א באנדיט — האט ער געמאכט די אנקלאגע און מ'האט איהם אין ווין ארעסטירט.

ער איז אבגעזעסען אין ווין א היבשע צייט און אום שמיני עצרת איז דער דאזיגער גאסט געבראכט געווארען מיט בעגלייטונג פון ווינער פאליציי קיין טארנאוו, וואו ער האט אהן שווע-ריגקייטען אין אהן אפטרעט-געלד בע-קומען א וואוינונג אין נייעם קרימינאל.

ביניש האט זיך בעניצט מיט פער-שידענע טיטלען: ד"ר מעדיצינער, או-ניווערזיטעטס - פראפעסאר, איינמאהל האט ער דערצעהלט, אז ער איז גע-ווען קאנסול, אטאשע, געזאנדטער, בא-ראן, גראף. דא איז אבער פעסטגע-שטעלט, אז ער שטאמט פון סניאטין, מזרח-גאליציען. ער איז אלט עטליכע און דרייסיג יאהר, אן'איידעם פון מיכל שטיין, סאנאק (ס'הייסט, אז דאס באר-פאלק האט זיך אין דער לעצטער צייט געג'גט). איצט גרייט מען זיך צו זיין פראצעס.

פ—ף,


## דאקטוירים בעשטעטיגען

אז ארטרעטיזם רעמאטיזם און צאהלרייכע קראנקהייטען ווערט מען גרינדליך אויס-געהיילט בעניצענדיג פאראווע בעדער,

און גענצליך בעזייטיגן באד-זאקלאד ביים האטעל אייראפעיסקי אין ראדאם

א פאראווע לאזשניע I קל. — 1.60 זל.

מעטיג פרייטאג און שבת

II קל. — 1.20 „

קינדער — 0.50 „

וואנעס (יעדען טאג) — 1.30 „

בעאמטע און פאמיליע גרופעס בעקומען הנחות.

נאר 2 גאסטשפילען פון ווילנער פאלקס-טעאטער.

אין ראדאם
טעאטער „ראזמאיטאשטשי"
פרייטאג און שבת דעם 22 און 23 ד. מ.

אונטער די לייטונג פון בעוויסטען ארטיסט און קינסטלער
מאריס לאמפע

אין קעלץ
טעאטער „פאלסקי"
מאנטאג און דינסטאג דעם 25 און 26 ד. מ.

מיט'ן אנטייל פון אונזערע בעוויסטע ארטיסטען: לויט א. ב.: פרויען: האלצער רחל, מענדעלעוויטש פראניע, קייזעראוויטש מאניע און רעגינא. מענער: לואי דוד, מארסאלאוו ראובן, קרעלמאן יצחק, קייזעראוויטש דוד, קאהן שלמה און שווארצשטיין בער.

1. דאס גרויסע אומשטערבליכע ווערק פון שלום עליכם
טוביה דער מילכיקער
קאמעדיע אין 4 אקטען
אנהויב פינקטליך האלב 9 אווענד.

2. דער לעצטער שלאגער אין 3 אקטען פון גארדאן
שטארקער פון ליעבע
רעזשיסער: מ. לאמפע. געהילף-רעזשיסער: שווארצשטיין.


## „עזרה" עפענט אויף די אומזיסטע קיך.

די אומזיסטע קיך ביי דער געזעלש. „עזרה" ווערט מיט'ן אנהויב פון חדש כסלו ווייטער ערטיילען אומזיסטע מי-טאג, ווי אויך אהיימצונעמען פאר גאנצע פאמיליעס.

פון זונטאג דעם 24 ה. ח. קאן מען זיך שוין פערע:יסטרירען אין סעקרע-טאריאט פון געזעלש. (דלוגא 11) יע-דען טאג אויסער שבת פון 10 פריה ביז צוויי א זייגער מיטאג, און פון 6 ביז 8 אווענד.

עס ווערט אויפמערקזאם געמאכט די אלע, וועלכע ווילען געניסען פון די אומזיסטע מיטאגער מוזען זיך פריהער פערע:יסטרירען.

• • •

דורך דער פאסט האט „עזרה" ער-האלטען אנאנים 10 זל. דער נדבן בעט די קוויטירונג צו שיקען אין רעדאקציע „ראדאמער-קעלצער לעבען" און דורך דער צייטונג בעשטעטיגט די קבלה.

די געזעלשאפט „עזרה" וועלענדיג ערפילען דעם וואונש פון אנאנימען נדבן טיילט, אלזא, מיט דורך דער צייטונג פאלגענדעס:

„דאנערשטאג דעם 14-טען ה. ח. האבען מיר דורך דער פאסט ערהאלטען אנאנים 10 זל. א נדבה לטובת דער אבטיילונג „בית-לחם", פאר וועלכען מיר דאנקען דעם אנאנימען שפענדער דורך דעם וועג פאר זיין טהאט, וועל-כער איז ווערטה צו ווערען נאכגעטוהן. די קוויטירונג קאן מען אבנעמען אין רעדאקציע".

געזעלשאפט „ע ז ר ה"
אין ראדאם.

## יודישע געסט, וואס פיהלען זיך בעליידיגט

ווי מען גיעט אונז איבער. פיהלען זיך די יודישע געסט פון דער בעקאנ-טער צוקערניע א. נ. רעזביקאווסקי שטארק בעליידיגט. די סבה זאל זיין א געשפרעך, וואס איז פארגעקומען צווישען איינעם פון די יודישע געסט ה' ע. מיט'ן יונגען פערקויפער באלעס-לאוו אין צוזאמענהאנג מיט די געשע-הענישען אין קראקאווער אוניווערזיטעט.

בעת דעם געפיהרטען געשפרעך האט דער יונגער באלעסלאוו געזאגט אויס-דריקען זיין צופרידענהייט, וואס מ'האט געשלאגען די יודישע סטודענטען און מ'ויל זיי ארויסטרייבען פון אוניווער-זיטעט. ה' באלעסלאוו זאל אויך האבען געשילדערט אין שווארצע פארבען די צוקונפט פון יודען. ערקלערענדיג דער-ביי, אז ער אליין וואלט ארויסגעגעבען די פערזאמעלטע יודישע געסט פון זיין צוקערניע אין געווינשענעם מא-מענט ווען מ'וויל זיך מיט זיי אב-רעכנ:ען...

פערשטעהט זיך, אז דאס געשפרעך איז פערוואנדעלט געווארען אין א שארפען ווערטער-אויסטייש און ווי מען אינפארמירט אונז, זאל עס זיך האבען זאגאר געענדיגט מיט א שטיקעל סקאנדאל.

דער אנקלאגע פון דער יודען-דעבא-טע האט באלד דערגרייכט צו די טיש-לעך פון די יודישע געסט, וועלכע האבען תיכף רעאגירט געגען אימפאלע-ראנטען ארויסטריט מצד איינעם פון די געשעפטס-פיהרער, און פערלאזט די צוקערניע.

די יודישע געסט פון ווענען דער גרעסטער טהייל פון פריון פליסט-איין אין קאסע פון דער דערמאנטער צוקער-ניע פיהלען זיך טיעף בעליידיגט און זאלען האבען בעשלאסען זיך צו ענט-זאגען אויף ווייטער צו בעזוכען די צוקערניע כל זמן דער ה' באלעסלאוו וועט זיך נישט ענטשולדיגען און זיך אליין נישט קנס'ען מיט א געוויסע סומע פאר א יודישען צוועק.

די דאזיגע געשיכטע האט פעראינ-טערעסירט אונזער א מיטארבייטער, וועלכער איז געווען טשעקאווע אריינ-צוגעהן אין צוקערניע. גלויבענדיג צו בעגעגנען עמיצען פון די אפטע יודישע בעזוכער. ביי וועמען ער וועט זיך ער-פאהרען צי דאס אלעס, וואס ווערט דערצעהלט, איז אמת. ער האט דערום בעזוכט די שאך-שטוב און די בילארד-שטוב. וואו שטענדיג ווימעלט פון יו-דישע שפיעלער און קיין יודען דאס מאהל נישט בעמערקט.

אין דער לעצטער גרויסער שטוב, וואו אמעהרסטענס געסט ווענען יודען זענען דאס מאהל געווען „בעשעפטיגט" אין פערשידענע שפילען א פערהעלט-ניסמעסיג קליינע צאהל מענשען. אבער נישט קיין יודען אויסער איין געוועזע-נער יוד — א משומד.

דאס האט אונזער מיטארבייטער פערווינדערט, מחמת כמעט שטענדיג איז דארט א לעבהאפטע בעוועגונג פון יודישע געסט.

## גרויסער ערפאלג פון ק י נ א א ד ע א ן.

נאך דער פאלשטענדיגער רעארגא-ניזאציע און גרונדליכען רעמאנט האט זיך דער קינא „אדעאן" ערווארבען די גרעסטע סימפאטיע פון דער אלגעמיינע בעפעלקערונג אין ראדאם. יעדען אווענד איז דער קינא פשוט איבער-פולט איבער די ברעגעס. אויסער דער עסטעטישקייט און בע'הנ'מקייט ציהט אריין דער קינא „אדעאן" צוליב די ערשקלאסיגע, הערליכע בילדער, וואס ווערען כסדר דעמאנסטרירט.

נאר א בעזונדער פערגעניגען פער-שאפט דער זעלטען גוט-איינשטודירטער ארקעסטער, וועלכער ווערט אנגעפיהרט פונ'ם ספעציעל אנגאזשירטען יודישען מוזיקער פון לאדז ה' שימקעוויטש. בעת די קאנצערטע-נומערען אין די אנטראקטען דינערט דער זאהל פון די אפלאדיסמענטען, מיט וועלכע דער אר-קעסטער ווערט בעשאנקען.

ס'אין בעזונדערס כדאי זיך אבצושטע-לען איבער די לעצטע רעפארמען. וואס די דירעקציע האט איינגעפיהרט אויפ'ן געביעט פון דער מוזיק-אילוסטראציע. יעדען פרייטאג-צו-נאכט און שבת-צו-נאכט ווערען געגעבען פאר די יודישע בעזוכער ספעציפישע, הארציגע יודישע מוזיק, וועלכע גרעפען צו דער יודי-שער נשמה. צו דעם צוועק האט די דירעקציע זיך בעזארגט מיט בעזונדע-רע יודישע נאטאן. צוליב דעם אלעם איז גאר קיין ווינדער נישט, ווען אלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג געהען בעזוכען די בילדער פון אדעאן מיט גרעסטער צופרידענהייט. די ספעציעלע טאלעראנטע בעציהונג און דער צופא-סונג'ס-כאראקטער, וואס די דירעקציע ווייזט ארויס לגבי איהרע בעזוכער מאכט אויף יעדען א קאלאסאלען איינ-דרוק און רופט ארויס די טיפסטע אנערקענונג ביי דער יודישער בעפעל-קערונג אין ראדאם.




# ראדאמער כראניק.

## פון יובל-קאמיטעט לכבוד דעם דעפ. יצחק גרינבוים

### קאמוניקאט

אין צוזאמענהאנג מיט'ן 50-יעהריגען יובילעאום פון פיהרער פון נאציאנאלען יודענטום אין פוילען דעם דעפ. י. גרינבוים איז אין ראדאם געשאפען געווארען א פעראייניגטער קאמיטעט פון ציוניסטען און גרינבוים-פאדעהרער כיט'ן צוועק צו בעעהרען ווי געהעריג דעם יובילעאום פון גרויסען בעל-היובל.

אונאבהענגיג פון די פעראנשטאלטונגען וואס ווערען איינגעארדענט דורכ'ן ציוניסטישען קאמיטעט, האט דער א. ד. קאמיטעט בעשלאסען פאלגענדעס:

1) ארויסצושיקען דעם דעפ. גרינבוים פאלגענדען אדרעס טעלעגראפיש:

„גע? אן אונזערע בעשיידענע וואונשען גרויסער פיהרער! ס'גאנצע בעוואוסטזיניגע וועלט-יידענטום איז גרייט צו דיענען דעם מנהיג מיט שטרעבונג און קאמפף. הלואי זאלען מיר אין קורצען פייערען דעם טריאומף פון אלע דיינע קאמפפען, די קאמפפען פון בעגייסטען און בעפרייטע, יוד אין דער וועלט".

דער אדרעס איז שוין איבערגעשיקט געווארען דעם יובילאר.

2) אנשליסען זיך צו דער דורכ'ן „היינט" פראקלאמירטער קאמפיין פון א „פאלקס-מתנה" פאר'ן דעפ. גרינבוים אין א"י. אין שייכות מיט דעם ווערען אלע גרינבוים-אנהענגער געבעטען איינצוצאהלען זייערע בעשטייערונגען אין דער קרעדיט-קאסע ביי דער ציוניסטישער ארגאנ. דער בעריכט פון דער אקציע וועט אין 2 וואכען ארום פערעפענטליכט ווערען אין „היינט" און אין „ראד. לעבען".

3) אנצורופען די גרויסע ביבליאטעק ביי דער ציוניסטישער ארגאנ. אויפ'ן נאמען פון דעפ. י. גרינבוים.

4) איינצוארדנען פרייטאג-צונאכטס אין דער ציונ. ארג. א קאלעקטיווען רעפעראט וועגען דעפ. גרינבוים, אלס מענש און פיהרער. דער רעפ. וועט פארקומען 7 אז. איינגאנג פריי!

דער ראדאמער יובילעאום-קאמיטעט צו בעעהרען דעם 50 - יעהריגען יובל פון דעפ. י. גרינבוים.

---

## א בריוו פון פוילישען קאנסולאט אין א"י

### צום ראד. הילפס-קאמיטעט.

גענעראל-קאנסולאט
פון דער פוילישער רעגירונג
אין ירושלים.

ירושלים 29 12/XI № 7832/20

צום הילפס-קאמיטעט אין ראדאם.

אין שייכות מיט אייער בריוו פון 25 פ. ח. מעלדע איך אייך העפליך, אז די תביעה וועגען ענטשעדיגונג פאר כרוי ה. בירענבוים האט אריינגעטראגען אדוו. דניאל אויסטער ירושלים אין אויפטראג פון דער ציוניסטישער עגזעקוטיווע. וועגען א. ד. האט אונז אינפארמירט אדוו. חיים קראנגאלד צו וועמען איהר האט אייך אין דער פראגע געווענדעט.

פון זיין זייט וועט דער קאנסולאט זיך מיט דער זאך געהעריג פעראינטערעסירען שטייענדיג אזוי ווי שטענדיג אויף דער וואך פון די אינטערעסען פון די פוילישע בירגער אין א"י.

גענעראל-קאנסולאט
פון דער פוילישער רעפובליק:
(—) ט. זבישעווסקי.

---

## פראפ. פעראיין פון דרוקער-ארבייטער איז פיילען

### אפט. אין ראדאם.

היינטיגען שבת דעם 23-טען ד. מ. פינקטליך 2 אזייגער נ. מ. קומט פאר א אלגעמיינע פערזאמלונג פון אלע דרוקער-ארבייטער, וועלכע זענען בעשעפטיגט אי ביי אקסידענץ-ארבייט אין ביי צייטונג'ס-ארבייט. צוליב'ן וויכטיגען אינטערעס ווערען אלע געבעטען צו קומען צו דער צייט.

די פערוואלטונג.

---

## די שמחה פון „סלאווא ראדאמסקע" נאכן אבטרעטען פון יודישען שותף פון קינא „נייער טשארי"

ווי בעוויסט האט זייט א יאהר דער קינא „נייער טשארי" געהערט צו צוויי שותפים; די ה"ה יאמילקאווסקי, א קריסט און ניעמטשיק, א יוד.

די טעג אין דער יודישער מיטאינהאבער אבגעטרעטען פון שותפות. אין צוזאמענהאנג דערמיט האט די אנטיסעמיטישע „סלאווא" געווידמעט א נאטיץ, וואו זי דריקט אויס די פרייד, וואס דער יודישער שותף האט פריי געמאכט זיין פלאץ און וואס דער קינא „נייע טשארי" איז ענדליך צוריק צוריק אין פוילישע הענד.

ביי דער „סלאווא" זענען יודען אזוי מעסטום גרויס אין די אויגען.

---

## ווילנער יודיש פאלקס-טעאטער אין ראדאם

היינט און מארגען שפיעלט אין ראדאם דאס ווילנער יודישע פאלק'ס-טעאטער.

בראש פון דער טרופע שטעהט דער בעגאבטער ארטיסט מאריס לאמפע. צוזאמען מיט איהם שפילען מיט בעקאנטע ארטיסטען, וואס צייכענען זיך אויס אויף דער יודישער ביהנע.

ס'וועט אויפגעפיהרט ווערען „טוביה דער מילכיגער" שלום עליכם'ס און „שטארקער פון ליעבע" פון גארדאן.

---




**Powszechny Bank Spółdzielczy**
Spółdz. z ogr. odp.
w Radomiu, Lubelska 27 Telefon № 502.

# די באנק פאווסעכני ראדאם,

לובלינער 27 מאכט דערמיט בעקאנט די יודישע סוחרים אין ראדאם,

אז מיר גיבען ארויס די גרעסטע **אוואנסען** אויף אינקאסעס.

ס'ווערען אויך אנגענומען אפשפארונג'ס-איינלאגען פון די קלענסטע סומען און אויף זעהר גוטע בעדינגונגען. :—: אינקאסעס אויף אלע שטעדט פון פוילען צו קאנקורענץ - פרייזען. :—: די אינקאסעס ווערען אויסגעצאהלט דעם זעלבען טאג פון איינפליסען.

**— גאלאנטעריי און זאקען-סוחרים!! —**

דעם גרעסטען אויסוואהל צו די ביליגסטע פרייזען
אמעריקאנער שטרימפפע?
אמרעיעלסטען עמפפעהלט די פירמא

**M. Sukiennik i M. Szwarcbard**
WARSZAWA, Nalewki 17 telef. 294-75.
פאדערט פרייזקוראנטען. P. S.

# קאנקורס.

איז דער געזעלשאפט „לינת - הצדק" אין ראדאם ווערט געברויכט

## א סעקרעטאר

אפערטען קאן מען אבגעבען אין לאקאל פון דער זעלבער געזעלשאפט פון 7 — 9 אווענד. אמשפעטסטענס ביז'ן 1-טען גרודזיען ה. י.
ארבייט'ס-שעה'ען פון 10—1 נ. מ. און פון 6—9 אווענד.

**געזעל. „לינת-הצדק" אין ראדאם**

*Kino NOWE CZARY Teatr*
Od poniedziałku 18 listopada b. r.
„DZIKA MIŁOSC"
z Dolores del Rio
oraz komedja
„Panienka we fraku"
z Magde Bellamy.

*Kino ODEON Teatr*
Od poniedziałku 18 listopada 1929 r.
Wielki przebój sezonu!
EROTICON
Prawo serca
z uroczą Ireną Rich i dosk. Olafem Fjordem
Drugi program równorzędny: Cichy Bohater
w roli głównej: Ewn Gray i Jameson Thomas

*Kino „CORSO" Teatr*
Od poniedziałku dn. 18 listopada 1929 r.
Wielki film pią nieśmiertelngo arcydzieła
EMILA ZOLLI p. t.
PIENIĄDZ
z Brygidą Helm.
Jako drugi wspaniały film
Usta zbyt czerwone

Redaktor CH. M. HERC — Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben", Radom, Szwarlikowska 20